עס האַלט אָפּ, אַז ער זאָל אַנטפּלעקט ווערן אין זיין
7 געהעריקער צייט. וואָרום דער סוד פון רשעות
ווירקט שוין; בלויז דער, וועלכער שטערט איצט,
8 מוז אַוועקגענומען ווערן פון דער מיט. און דעמלט
וועט אַנטפּלעקט ווערן דער רשע, וועמען דער האַר
ישוע וועט אומברענגען מיט דעם אָטעם פון זיין
מויל און אים פאַרניכטן מיט דער דערשיינונג פון
9 זיין קומען; וואָס זיין קומען איז לויט דער
ווירקונג פון דעם שטן מיט פיל גבורה און פאַלשע
10 אותות און מופתים, און מיט יעדער פאַרפירעריש־
קייט פון אומגערעכטיקייט פאַר די, וואָס ווערן
פאַרלוירן, ווייל זיי האָבן נישט אָנגענומען די
11 ליבע פון אמת, כדי געראַטעוועט צו ווערן. און
צוליב דעם שיקט זיי גאָט אַ קרעפטיקן באַטרוג,
12 אַז זיי זאָלן גלויבן דעם שקר; כדי אַלע זאָלן
געמשפּט ווערן, וועלכע האָבן נישט געגלויבט
דעם אמת, נאָר האָבן געהאַט אַ וואוילגעפעלן אין
רשעות.

13 מיר אָבער זענען מחויב תמיד צו דאַנקען גאָט פאַר
אייך, ברידער, געליבטע פון גאָט, ווייל פון אָנהויב
אָן האָט גאָט אייך אויסדערוויילט צו ישועה אין
דער קדושה פונם גייסט און אין דער אמונה פון
14 אמת; צו וועלכער ער האָט אייך אויך גערופן
דורך אונזער גוטער בשורה, צום דערווערבן די
הערלעכקייט פון אונזער האַר ישוע המשיח.
15 שטייט זשע פעסט, ברידער, און האַלט די
קבלות, וועלכע איר זענט געלערנט געוואָרן,
סיי דורך אונזער וואָרט, סיי דורך אונזערס אַ
בריוו.

16 און אונזער האַר ישוע המשיח אַליין און גאָט
דער פאָטער אונזערער, וועלכער האָט אונדז ליב